ה. עפי"ז ווערט מען פארשטיין, דעם תיווך פון ביידע ענינים שבפירש"י: פון איין זייט ווערט יציאת יעקב פון באר שבע פארגליכן צו ותצא האמור בנעמי, גלייך ווי אין באר שבע וואלטן ניט געבליבן קיין צדיקים, און פון דער אנדער זייט איז דורך יעקב'ס יציאה האט זיך אין באר שבע גע־פעלט בלויז הודה זיוה והדרה:

כאמור, האט יעקב בחיי יצחק, ובפרט אין באר שבע, געטאן אין וועלט די זעלבע עבודה ווי יצחק. און וויבאלד אז יעקב איז געווען תל־מידו (וואס האט געטאן זיין, יצחק'ס, עבודה), האט דורך זיין ארויסגיין פון באר שבע, זיך געפעלט כביכול אין יצחק'ן די שלימות וואס ער האט פרי־ער געהאט דורך זיין תלמיד, יעקב'ן.

דערפאר פארגלייכט עס רש"י מיט ותצא מן המקום האמור בנעמי ורות — וואו עס זיינען ניט פארבליבן קיין אנדערע צדיקים — ווייל אויך דורך יציאת יעקב האט זיך געפעלט אין באר שבע ניט בלויז דאס וואס יעקב האט אליין אין איר אויפגעטאן, נאר אויך אין דער שלימות וואס ס'האט דארט אויפגעטאן יצחק.

עס האט אבער נאר עושה רושם געווען אין באר שבע: פנה הודה זיוה והדרה, ווייל מציאות וקיום העיר — איז דאך דארט געווען יצחק [36]. ולא עוד — אין דעם איז אפילו קיין שינוי ניט געווען, ווייל יציאת יעקב האט

וברמב"ם) מ"וחי" — הוא בנוגע לתלמיד.

36) מה שגם ביציאת נעמי רק פנה הודה כו' ולא בנוגע לקיום המקום כו' — הוא מפני שישיבתם שם באה באיסור ואין קטי־גור נעשה סניגור.

ניט גע'פועל'ט קיין חסרון אין יצחק'ס מהות, בלויז אין זיין התפשטות.

ו. די קשיא, וואס אין פרשת תול־דות שטייט נאר "וילך פדנה ארם" און ניט "ויצא מבאר שבע", קען מען פארענטפערן: אין פ' תולדות ווערט דערציילט ווי יצחק האט געשיקט יעקב'ן און ווי יעקב האט אים גע־פאלגט. וויבאלד אז יצחק'ס כוונה איז דאך ניט געווען אז יעקב זאל פון אים אוועקגיין, אדרבה, יצחק'ן וואלט געוויס געווען מער ניחא ווען יעקב זאל פארבלייבן מיט אים, דערפאר שטייט אין פרשת תולדות — וואו תורה דערציילט וועגן יעקב'ס גיין מצד יצחק'ס פקודה — בלויז וילך פדנה ארם און ניט ויצא מבאר שבע.

דער תירוץ איז אבער ניט מספיק: וויבאלד אז צוליב גיין קיין חרן, האט ער געמוזט ארויסגיין פון באר שבע, איז דאך דאס א "פסיק רישי'", האט דאך אויך אין פרשת תולדות גע־דארפט שטיין ויצא מבאר שבע?

ז. ווערט מען עס פארשטיין בהקדים וואס די גמרא דערציילט [37]: רב האט אמאל געטראפן רב שמואל בר שילת — וועלכער איז געווען א מלמד תי־נוקות — ווי ער שטייט אין זיין גארטן. האט רב צו אים גע'טענה'ט, ווי גייט ער קוקן אויף זיין גארטן און פארלאזט די תלמידים? האט ער אים געענטפערט, אז ס'איז שוין דרייצן יאר ווי ער האט ניט געזען זיין גארטן, און אויך איצטער, זייענדיק אין גארטן, "דעתאי עלויהו", ער איז ניט מסיח דעת פון זיי (די תלמידים).

37) ב"ב ח, ב.

מובן, אַז אויך די תלמידים האָבן מקבל געווען דערפון וואָס ר׳ שמואל בר שילת האָט געטראַכט וועגן זיי [38]. וואָרום די טענה צו אים פאַרוואָס ער פאַרלאָזט די תלמידים איז דאָך געווען (ניט נאָר דערפאַר וואָס ער טוט ניט זיין אַרבעט, נאָר) בעיקר ווייל צוליב דעם פעלט עס ביי די תלמידים. מוז מען דאָך זאָגן, אַז דער ענטפער ״דעתאי עלויהו״ מיינט, אַז דורך זיין טראַכטן וועגן זיי איז מוסיף אויך אין די תלמידים [39].

(מאמר המוסגר: דאָס איז אַ הוראה פאַר מלמדים, ראשי ישיבות ומתיבתות, משגיחים און משפיעים, אויף וויפל עס דאַרף זיין די איבערגעגעבנקייט צו תלמידים. די טענה, אַז ער אַרבעט כמה מאָל מער ווי ער איז מחוייב פאַר דעם געצאָלט וואָס ער קריגט; ס׳איז שוין נאָך די שעות אויף וועלכע ער האָט זיך פאַרדונגען; מ׳צאָלט אים ניט די שכירות אין צייט, וכו׳ וכו׳ — איז קיין תירוץ ניט. וויבאַלד אַז דאָס איז זיין אַרבעט — איז אפילו אויב ער גייט פון איר אַוועק איין מאָל אין 13 יאָר, און אויך דער אַוועקגיין איז פאַרבונדן מיט ענינים רוחניים (ובמכ״ש פון רב שמואל בר שילת [40], וואָס ער איז געווען פון די אמוראים, ופשוט אַז אין זיין ״קאַי בגינתא״ איז געווען דער דעהו (פון בכל דרכיך) בשלימותו, און אַן ענין פון זיין עבודת הבירורים), פונדעסטוועגן, אויב ניט דעתי׳ עלויהו, באופן אַז אויך די תלמידים האָבן דערפון, מאָנט מען פון אים ״שבקתי׳ להימנותך״).

ועפי״ז מובן אַז הליכת יעקב לחרן איז ניט מכריח עס זאָל זיין ויצא יעקב — בפנימיותו [41] — מבאר שבע, ווייל זיין אַוועקגיין האָט געקענט זיין באופן אַז ״דעתי׳ עלויהו״. און ניט נאָר וואָס עס איז ניט מוכרח דער ״פנה הודה זיוה והדרה״, נאָר אויך בנוגע יעקב אַליין, איז ניט מוכרח דער ויצא: וויבאַלד אַז דעתי׳ עלויהו, איז כמאמר הבעש״ט [42] (על פסוק [43] שרפים עומדים ממעל לו) — במקום שרצונו של אדם שם הוא נמצא כולו.

ח. דאָס איז אַ הסברה אויף דעם וואָס אין פ׳ תולדות שטייט ניט ויצא גו׳. לפי״ז ווערט אָבער די קשיא: פאַרוואָס בפרשתינו שטייט יאָ ויצא גו׳ שבע?

וועט מען עס פאַרשטיין בהקדים דעם שינוי לשון הכתוב: אין פ׳ תולדות שטייט וילך פדנה ארם און אין

---

38) ראה לקו״ד (לקוט א) בענין מחשבה מועלת.

39) וכן מובן ממ״ש בחדא״ג שם, הס־עם שגבאי צדקה ומלמדי תינוקות נמשלו לכוכבים. וראה ב״ב רש״י ד״ה שבקתי׳ (שם): ללמדם כו׳. וברגמ״ה שם: לזוזם ממקום זה שאני עומד.

40) וראה ל״ת להאריז״ל עה״פ הכוכבים ממסילותם. סה״ד בערכו.

41) ומלבד שהפנימיות זהו עיקרו דיעקב — הנה ״לא הי׳ צריך לכתוב אלא וילך יעקב חרנה״, כי באם יציאתו מבאר שבע רק בגופו ובחיצוניותו, לא צריך קרא על זה, וכמו שלא כתב זה בפ׳ תולדות, כי מובן ממש״כ ״וילך פדנה ארם״, ״וילך חרנה״ — פסיק רישי. — ויתור כל הענין, ה״ז קושיא יותר מאשר דיוק בתיבה אחת. ולכן לא נקט רש״י דיוק המדרש: וכי לא יצא כו׳.

42) מים רבים תרל״ו פקי״ג. רפאני תרח״ץ (קונט׳ לז) פ״ה. וראה גם לקו״ת אמור לב, ב.

43) ישעי׳ ו, ב.

התחלת פרשתינו שטייט וילך חרנה (און דערנאָך שטייט וילך ארצה בני קדם).

דער חילוק פון פדן ארם ביז חרן איז:

וועגן פדן ארם זאָגט רש"י[44]: אַז דאָס איז דער שטח וואו עס זיינען געווען די צוויי ערטער ארם נהריים און ארם צובה. אָדער כמו שדה ארם; חרן איז געווען די שטאָט וואו לבן האָט זיך געפונען.

הליכת יעקב איז געווען צוליב: א) עבודת הבירורים מיט צאן לבן, ורכושו אשר רכש בפדן ארם[45] — דאָס האָט ער געטאָן אויף אַ גרויסן שטח, בשדה ארם; ב) אויפשטעלן בית רחל ולאה, שבטים, „מטתו שלי־מה" — דאָס האָט ער געטאָן אין חרן, אין שטאָט, ניט אין שדה, וואו עס טאָר ניט זיין ענין היחוד, צוליב צניעות.

(וכמו"כ ברוחניות: תפלה וואָס ענינה איז יחוד ישראל והקב"ה, איז ניט בשדה ובמקום פרוץ נאָר בבית[46]).

ועפי"ז יובן וואָס אין אונזער פרשה — וואו די תורה דערציילט וועגן יעקב'ס גיין קיין חרן אויפשטעלן די שבטים, מטתו שלימה — זאָגט די תורה ויצא יעקב מבאר שבע: בענין היחוד („אין קישוי אלא לדעת") — איז ניט שייך צו זאָגן און עס טאָר ניט זיין דעתו של יעקב אין אַן אַנ־דער אָרט, אפילו ניט אין באר שבע[47].

צוליב אויפטאָן אַן ענין פנימי, מוז מען זיין אין אים בכל פנימיותו[48].

צוליב עבודת הבירורים אַליין — מוז מען ניט זיין אַריינגעטאָן אין דעם, ובפרט ביז שיקשר דעתו — ואדרבה. וכידוע[49] דיוק לשון הכתוב[50] יגיע כפיך כי תאכל — יגיע כפיך און ניט יגיע ראשך. און כאָטש אַז אויך דערביי דאַרף מען נוצן שכל, איז עס אָבער בלויז חיצוניות השכל, און ניט זיין אַריינגעטאָן אין דעם בפנימיותו, און במילא קען דאָך (און מוז) זיין דער דעת אין אַנדערע ענינים. משא"כ צוליב אויפשטעלן מטתו שלימה, ממ־שיך זיין כח האין־סוף[51], איז — אין קישוי אלא לדעת, וואָס דעת איז בקו האמצעי שעולה עד (פנימיות) הכתר שלמעלה מהשתלשלות[52], און ממשיך פון דאָרטן כח הא"ס.

דערפאַר האָט יעקב געמוזט אַרויס־גיין פון באר שבע, גיין און זיין אין חרן (כאָטש אַז ענינה איז „חרון אף של מקום בעולם"[53]) בכל פנימיותו, בכדי אויפצושטעלן די י"ב שבטים, עס זאָל זיין מטתו שלימה. וואו עס רעדט זיך אָבער וועגן עבודת הבי־רורים, פדן ארם, מוז ניט זיין דער ויצא יעקב מבאר שבע.

ט. עס בלייבט אָבער די שאלה,

---

44) בראשית כה, כ.

45) ויצא לא, יח.

46) ברכות לד, סע"ב. שו"ע אדה"ז ס"צ סעיף ה'.

47) בדוגמת מרז"ל (נדרים כ, ב): אל ישתה כר. ואפילו היא אשתו (ר"ן. ובשו"ע או"ח סר"מ ס"ב) ובפרט להמבואר בתניא פ"ג, שדעת הוא שמקשר דעתו בקשר אמיץ וחזק מאד, הרי אינו שייך שיקשר דעתו בשני ענינים שונים.

48) ראה תורת שלום ע' 39 ואילך.

49) לקו"ת שלח מב, ד. חוקת סו, ג. ובארוכה — תו"ח שמות תרך, א ואילך. וראה לקוטי שיחות ח"א ע' 188.

50) תהלים קכח, ב.

51) לקו"ת שה"ש מ, א.

52) לקו"ת שלח ג, א.

53) רש"י ס"פ נח.